STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02004

# DER BOBES OYTSER

Miriam Ulianover

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים אולינאָווער

# דער באָבעס אוצר

דעם דאָזיגען ספר האָט אָפּגעדרוקט דער
ספרים-האַנדעל „האחים לעווין-עפּ-
שטיין און שותפים" אין דער שטאָדט
וואַרשאַ אין דעם יאָהר ה"תרפ"ב

PRINTED IN POLAND

דער זכות צו איבערזעצן
דעם ספר געהערט דער מחבר־
טע / שער בלאט געמאכט
פון יוסף זיידענבייטעל / גע־
זעצט ביי ש פרופעס און י. זע־
צער אין ווארשא לעשנא
6 / געדרוקט אין א צאהל
פון 2000 שטיק, אין דעם 50
אויף בעזונדערן פאפיר, אין
דער אייגענער דרוק פון
דעם ספרים־האנדעל:

# אינהאַלט


הקדמה פון דוד פרישמאַן

**דער באָבעס אוצר**

* * * — ג

פוטערן־ברויט — ה

הבדלה־ווייַן — 6

אַ סגולה — ז

דאָס קאַרשעלע — 8

דאָס נייַע קליידעל — 10

די חלורת — י״ג

די הבטחה — 14

דער באָבעס זעהונג — י״ז

מזל־טוב! — 20

אין הויף — 22

דער אַלטער סידור — 24

אַנטיקעלעך — 26

דער קדיש — כ״ז

אַ מאַמע ג׳האַט קדישים דרייַ... — כ״ט

דעם קמצנ׳ס שטוב — 30

דעם חזנ׳ס בענקשאַפט — 32

אַ שבת גרויל — 34

דעם זיידעס שבועה — ל״ה

נאָך תשעה־באב — ל״ז

צום „בעשוי״. — 40

אַ פרידהמאָרגען — 42

דער נאַשער — מ״ה

פרידהלינג־שבתים — מ״ז

די שבת־ליכטעלעך — 48

די ברכה — 50

אין דער פרעמד — נ״ג

אַ בריוועלע דער באָבען — נ״ה

| | |
|---|---|
| דער שלוקערץ | 58 |
| דיין לעבען | 60 |
| דאָס יאַגדע־פּלעקעל | 62 |
| די צוואה | 64 |
| אָבגעהויבען ליגט | |
| די באָבע... | 66 |
| דאָס רינגעל | 68 |
| גוט־וואָך! | 70 |
| כ ל ה ־ י אָ ה ר ע ן | |
| וואַלד־מיידעל | 74 |
| ביים טייטש־חומש. | 76 |
| אסתר המלכה | 78 |
| פאַר דער טיר. | 80 |
| דאָס רויטע קליידעל | 82 |
| דאָס טירעל | 84 |
| חלומות | 86 |
| אין בעקער־שטוב | 88 |
| איבער נאַכט | 90 |
| אויף שוואָמען | צ"א |
| בריוועלעך | 94 |
| דאָס בעגעגניש | צ"ה |
| דער טשאָלענט־גאַנג | צ"ז |
| ביינאַכט | צ"ט |
| דאָס ליד פון קוימען־קעהרער | ק"א |
| אַ בריוועל | ק"ג |
| צווישען דעמערן, צווי־שען טאָגען... | 106 |
| אַ היימיש בריוועל | 108 |
| די מאַמע | קי"א |
| ערב־פּסח | קי"ג |
| מזכיר נשמות. | 114 |

איז עס נישט ווי אַ וואונדער? — אַרום אונז ווייזט אונזער ניי=
יודישע פּאָעזיע גראָד איהרע קונץ=שטיק: זי שיט מיט פייערווערק,
שפּרינגט דורך רייפען, באַלאַנסירט מיט פּודיגע געדאַנקען=געוויכטער,
קראַצט גאָלד=מטבעות אַראָב פון דער זויל פון איהר פוס און פּראָ=
דוצירט זיך אין מערקווירדיגע וואָרט= און ריים=עקוויליבריסטיק, און
נישט נור זי מאַכט=מיט אַלע יענע נייע מאָדעס, וועלכע זענען יעצט
גראָד גאַנגבאַר אין דער וועלט=ליטעראַטור, נאָר אָפט וויל זי גאָר
זיין אייראָפּעאישער ווי אייראָפּאַ און זי מאַכט עס נאָך טויזענד מאָל
קונציגער — און אין מיטען דערין, אין מיטען דעמדאָזיגען אויער=פער=
טויבענדען טומעל, בעווייזט זיך אומפּערהאָפט, איינזאם אין דער זייט,
אַ פּאָעטיש טאַלענט, אַזוי קערניג און אַזוי עכט און אַזוי — יודיש.
פון וואַנען האָט זיך גענומען דערדאָזיגער עכטער טאָן?

מרים אולינאָווער, די יונגע דיכטערין, נעהמט איהרע שטאָפען
פון — דער באָבעס אוצר. איהר „ליעב באָבעשי" האָט איהר אין פער=
חלום'טע קינדער-יאָהרען, אין וואונדערבאַרע מיידעלשע טעג און זיסע
מיידעלשע נעכט, מעשות און ווערטלעך און פאָלקס=טראַדיציעס איבער=
געגעבען, אַלץ דאָס, פון וואָס אַ פאָלק רעדט און גלויבט און חלום'ט,
און דאָס אַלץ איז אַריינגעפאַלען אין די פאַלטען פון אַ האַרץ, און
דעריבער זענען שפּעטער די לידער געוואָרען אַזוי האַרציג.

אין אַ שטילען ווינקעלע איז זי געזעסען פאַר מיר, אין אַ גאָט=
געקושטען זומערדיגען פריהמאָרגען, און האָט זיי מיר געלייענט. און=
גלויביג און מיט אַ היבשען חלק בעהאַלטענעם שפּאָט האָב איך מיין
צום הערען אָנגעזעצט: איך קען שוין דאָס, און ווייס, וואָס עס קומט
דערפון געוועהנליך אַרויס. באַלד אָבער האָב איך געהאַט פערגעסען

דאָס שפּאָטען און פערגעסען די לײַנערין און פֿערגעסען די באָבעשי
און פֿערגעסען, אַז אײַגענטליך װערען דאָ לידער געלײענט, און מיר
איז געװאָרען עפּיס אַזוי װאַרים אַרום דעם האַרץ, און געגלױבט האָב
איך פּלוצלינג, אַז רעדען רעדט צו מיר דאָס מויל פֿונ'ם פֿאָלק. און
דאָס, װאָס אַ פֿאָלק רעדט, אָדער דאָס, װאָס װערט גערעדט פּונקט
אַזוי װי דאָס פֿאָלק, דאָס איז אַ ל ע מ אָ ל עבט. אַלץ איז עפּיס אַזוי
אײַנפֿאַך און פּראָסט — כמעט אַזוי װי דאָס לעבען אַלײן. נישט פֿון
אַ פּיעראָ און אַ קאָלאָמבינע זינגט זיך אין די דאָזיגע לידער — דען
װי שען און װי מאָדערן דאָס זאָל נישט זײַן, פֿיהלט זיך באַלד, אַז
דאָס איז נאָכגעמאַכט און אַז מיר האָבען דאָס שוין עפּיס ערגעץ-װאו=
אַנדערש געלײענט. נישט פֿון כריזאַנטעמען און היאַצינטען און טהיי=
ראָזען רעדט זיך מיט אונז — דען װי דאָס זאָל נישט זײַן יעצט אין
דער מאָדע, װײס מען באַלד, אַז דאָס װאַקסט נישט אין אונזער גאָרטען
און אַז מיר ציקלען זיך נור מיט געבאָרגטע װערטער. מרים אולינאָװער
זינגט פֿון אַ „פּוטער=און=ברויט" װעלכעס איז אַראָבגעפֿאַלען אויף דער
ערד: „אַ סימן, מײַן לעבען, אַ סימן, מײַן קינד, דער חתן איז ערגעץ=
װאו הונגריג אַצינד". זי זינגט פֿון „הבדלה=װײַן" און װי אויך דאָס
מײדעל װיל טרינקען פֿון איהם: „טרינקען אַלע פֿון הבדלה, טרינק איך
אויך אַ טראָפּען װײַן", אָבער די באָבעשי װאָרנט זי, „אַז פֿון טרינקען
פֿון הבדלה, קריגט אַ מײדעל באַלד אַ באָרד", און זי טאַפּט זיך אַלץ
בײַ דער געמבע. זי זינגט פֿון אַ קלײן קאַרשעל „אויף דעם לינקען
בעקעל מײַנעם", און פֿון אַ נײַ קלײדעל, װעלכעס פֿאַלטעװעט זיך, װײַל
„נישט בעצאָהלט דעם בעל=מלאכה האָסטו שנײַדער-לוין". זי זינגט פֿון
„חלות" און אַז „װער עס פֿוילט זיך פֿלעכטען חלות, פֿלעכטען װעט
אַ גרויען צאָפּ", אָדער פֿון אַ „מזל=טוב": „גיסט זי אײַן אַ גלעזעל װאַרמס,
כּשר-קלאָרען שבת-טהיי", אָדער פֿון אַנ'„אַלטען סידור" און פֿון „אַ קדיש",
פֿון „חזנ'ס בענקשאַפֿט" און פֿון „זײדענס שבועה", פֿון „פֿריהלינג=
שבתים" און װי זיס און מחיה'דיג דאָס װינטעל איז, און אַז „דער
װינד האָט הײַנט מורא צו בלאָזען, די שבת-ליכט זאָלען נישט שמעלצען",
און פֿון „רינגעל" זינגט זי. װעלכעס די יודישע טאָכטער טראָגט און

נאָר עס נישט אַראָבנעהמען פונ'ם פינגער „סיידען אַז דו וועסט זיך וואַשען" — זי זינגט דאָס גאַנצע יודישע לעבען, די גאַנצע פרייד און די גאַנצע לייד פונ'ם מיידעל.

טיילמאָל הערט זיך אויך אַ מאָדערנער מאָטיוו. און אויך דער־דאָזיגער ווערט עפּיס מערקווירדיג ענג צוזאַמענגעפלאָכטען מיט'ן יודישען פאָלקס־בילד, למשל „אַ שבת־גרויל":

שטום געלעגען איז אַ מידער
שבת־פרידען אומעטום,
אין דער לופט אַ שבת־ניגון
איז געגאַנגען ציטריג אום.

פּלוצלינג בלאָזט אַ ווינד אַ קאַלטער,
ס'וואַקסט אַ יאָמער, גרויס, אַלץ גרעסער:—
ס'האָט אַ יוד געקוילעט ס'ווייבעל
מיט דעם שבת־מוציא־מעסער!

טיילמאָל קומט אויך דאָס היינט־צייטיגע ליעד, און אינ'ם מויל פון דער יודישער טאָכטער קלינגט עס עפּיס גאָר אַנדערש: ריינער און צנועה'דיגער. „איבערנאַכט" הייסט עס:

וואָס האָט זיך דאָס מיט מיינע האָר געמאַכט?
געשעהן אַ וואונדער פּלוצים איבערנאַכט:

געווען אַ קנויל אַ בלאָנדער, שווער און האַרט, —
און היינט מיט־איינמאָל גלאַנציג, גלאַט און צאַרט!

געווען אַ פלאָנטער, קורץ, געדיכט און ווילד, —
און היינט צעפלאָסען ביז צום קנעכעל מילד,

און היינט ווי גאָלד צעשמאָלצען און צעגליהט —
די האָר, וואָס האָבען אויף דיין האַרץ גערוהט!

אָבער אין שענסטען איז זי, ווען זי בעזינגט איהר „אַנטיקעל״ — דעם אוצר, וועלכען, ווי עס שײַנט, זי האָט אַלץ צו פֿערדאַנקען:

אַנומעלט האָבען מײדעלעך דרײַ, שעניגקע ווי גאָלד,
מיט טײַערע אַנטיקעלעך זיך זאַלבעדריט געפּראָהלט:
„איך האָב אַ שטערען=טיכעלע — האָט איינע זיך בעריהמט —
נאָך פֿון מײַן עלטער=באָבעשי, געקעסטעלט און געבלימט״.

„איך האָב אַ ציטער=נעדעלע — די צווייטע האָט שטאָלצירט —
נאָך פֿון מײַן עלטער-באָבעשי, מיט דימענטלעך פֿערצירט״.
און נאָר דאָס דריטע מײדעלע האָט שטיל אין זיך געלאַכט
און שטיל דאָס שויבען=טירעלע פֿון אַלקער אויפֿגעמאַכט:

„דאָס טײַערסט'ע אַנטיקעלע פֿערמאָג איך איינע נאָר —
די עלטער-באָבעשי אַליין פֿון איבער הונדערט יאָהר!״

עס שמעקט פֿון דידאָזיגע לידער עפּיס אַרויס, וועלכעס איז אונז אַזוי בעקאַנט און אַזוי היימיש, און וועלכעס מיר האָבען, וואַנדערנדיג פֿאַרביי פֿרעמדע גערטנער, כמעט שוין אינגאַנצען פֿערגעסען, און צו וועלכען עס ציהט אונז פֿאָרט אונבעוואוסט. עס איז נישט מי=יודע וואָס; נישט אַ לאָטאָס-בלום פֿון די ווײַטע ברעגעט ביים גאַנגעס איז עס, נור אַן'איינפאַכער, צנועה'דיגער ריח פֿון אַ זילבערנעם בשמים=ביקסעל, וועלכעס מיר האָבען ירושה גענומען פֿון עפּיס אַ זיידע. עס הויבט פּלוצלינג אָן צו גלאַנצען און צו בלינקען פֿאַר אונזערע אויגען דאָס בלאַנק=בלינקע, פֿריש=שמעקעדיגע, ציכטיג=ליינענע טישטוך אויף דער מאַמעס שבת'דיגען טיש, דענסמאָל ווען די זילבערנע שבת=רעהרען לײַכטען און חלומות נעהמען אונז אַרום. עס הויכט אונז אין פּנים אַרײַן די אַטמאָספּערע פֿון עפּיס אַ ווײַטען, ווינטערדיגען חנוכה=אָווענד אין'ם קליינעם שטעדטעל ביי אַן'עלטער-זיידע, און פֿון עפּיס אַ ווײַטער=ווײַטער פּורים=סעודה אין אונזערע ליכטיגע קינדער=יאָהרען ביי אַן'עלטער=פּעטער. ווער געדענקט עס נאָך היינט? ווער פֿיהלט עס נאָך היינט?

ווארשאַ, אין יוני 1920.

**דוד פֿרישמאַן.**

# דער באָבעס אוצר.

* * *

ווען כ'האָב פון ל'יבען שטעדטעל'ע
פערטרויערט זיך געשיידט,
האָט מיר דער זיידע ביז צום טייך
געגעבען דאָס בעגלייט;
די פריהלינגס-זון האָט אויפגעשיינט,
דער הימעל זיך צעבלויט,
דער זיידע האָט ביים שייד-וועג מיר
אַ בריוועל אָנגעטרויט.

פערלאָרען האָב איך איהם, דעם
בריעף, און געה-אַרום פערקלעמט:
אַ שפּאַס—אָהן יחוס-בריוועל'ע צו בלייבען
אין דער פרעמד!

ווער ווייס, צי ס'ליגט נישט ערגעץ

דאָרט מיט זאַמד און שטויב בעדעקט,
צי זענען מיינע אָבות נישט געוואָרען
אויסגעמעקט...
די פרידהלינגס־זון האָט שטיל און מילד
קיין מערב זיך געריקט, –
עס וואַקסט, עס שטייגט מיין בענקעניש,
כ'געדה שיער פאַר צער נישט אויס –
וואו איז דאָס יחוס־בריוועלע פון
אונזער אַלטען הויז?

## פוטערן־ברויט.

ווען ס׳פּיטערן־ברויט פאַלט אויף דער ערד מיר אַראָב,
דאָ נעמט זיך צעשאָקלען דער באָבעשיס קאָפּ:
— „אַ סימן, מיין לעבען, אַ סימן, מיין קינד,
דער חתן איז ערגעץ־וואו הונגע׳ריג אַצינד״.

אָ, ווידער זעהן וואָלט איך דער באָבעשיס קאָפּ
זיך שאָקלען, ווען ס׳פּוטערן־ברויט פאַלט מיר אַראָב,
דער באָבעשיס חנ׳דעל, אין שטערן דעם קנייטש,
צו הערען דעם ליבען, דעם היימישען טייטש!

# הבֿדלה-ווײַן

טרינקען אַלע פֿון הבֿדלה,
טרינק איך אויך אַ טראָפּען ווײַן,
מאַכט די באָבע צערטליך-ערנסט:
— „קינד-לעב, זאָלסט געוואָרענט זײַן,

אַז פֿון טרינקען פֿון הבֿדלה
קריגט אַ מיידעל באַלד אַ באָרד —
אַזוי שטעהט עס אָנגעשריבען
אין דעם ספֿרים-שענקעל דאָרט".

פֿאַל איך אונטער מיר פֿאַר אימה,
טאַפּ איך ס'נאָזבעלע בײַם עק:
גאָט צו דאַנקען!... ווייך און מיידעלש...
אויסגעשפּיצט נאָר בלויז פֿאַר שרעק.

# אַ סגולה.

ווען אַמאָל אויף מיידעל־אויגען
איז געווען זאַנ׳אונטערגאַנג,
נעהמט די באָבע פון איהר מַחזור
שנעל אַרויס אַ וואונדער־זאַנג:

„שפּײַז מיט גערשטענדלעך אַ הינדעל
ווען אין שטאָדט אַ הונגער הערשט, —
וועלען, קינד־לעב, דײַנע אויגען
אײביג זײַן בעהיט פון גערשט".

אָפשר האָסטו, באָבע מײַנע,
אין דײַן מַחזור סגולות מעהר?
טאָמער קאָנסטו ס׳אויג פערהיטען
פון אַ גרויסער, הייסער טרעהר?

# דאָס קאַרשעלע.

„זאָג מיר, באָבע־לעב, דו קלוגע,
זאָג מיר, באָבע־לעב, דו שענע:
זאָג, פון־וואַנעט עס האָט גענומען
זיך דאָס קאַרשעלע, דאָס קליינע,

אויף דעם לינקען בעקעל מיינעם?
יעדער נעהמט מיך אויף די ציינהן,
מיידלעך שפּעטען: „ז'איז געצייכענט!"
יונגלעך פּליסטערן: „ס'איז א חן!"...

און עס פליסט דער באָבעס שטימע,
ווי א וואַסער, ווייכער שוים:
„ס'האָט דיין מאַמע זיך פער'חידוש'ט
אויף א רויטען קאַרשען־בוים

און זיך אָנגעכאַפּט בײַם בעקעל,
טאַקי גראָד די לינקע באַק, —
ביסט איהר, קינד-לעב, אונטער'ן הארצען
נאָך געשלאָפען גאַנץ געשמאַק...

ליב-זשע, ווי אַ סוד אַ שענעם,
אַט דאָס קאַרשעלע — גאָטס גנאָד...
ס'האָט דײַן מאַמע זיך פער'חידוש'ט
קאַרשען-צײַט אַמאָל אין סאָד"...

# דאָס נײַע קלײדעל.

א

„אוי, וואָס כ׳שטעה פֿון נײַעם קלײדעל,
באַבע־לעב, זיך אויס:
ליטער העפטען פֿאָרנט און הינטען –
צרות, צרות בלויז!

וואָס איך רײַס־אַוועק אַ פֿאָדעם,
הענגט אַ פֿרישער שוין״...
– „נישט בעצאָהלט דעם בעל־מלאכה
האָסטו שנײַדער־לוין!

טראָג־אַקעגען איהם אַ גאַנצען
נײַעם קאַרבען שכר, –
ס׳קלייד וועט זיבענפֿאַך בעקומען
נײַעם חן דערפֿאַר.

גערה, בעצאָהל נאָר, שענע טאָכטער,
גיך מלאכה־געלט —
זײַן װעט ס׳קלײד מיט דיר אײנאײנעם
אײנס גאָר אין דער װעלט!״

ב

— „איצטער נעה־מט עס זיך גאָר טרענען,
כ׳בלײַב בײַ גאָרנישט באַלד;
כ׳װעל נאָך װערען איבער׳ן קלײדעל
באָבע, גרױ און אַלט!

כ׳װעל פערגעסען, באָבע־לעבען,
װי מען זינגט אַ ליד...
און צי קומט מיר, איך זאָל זיצען
טאַקי שטום און מיד,

אַז בעצאָהל'ט האָב איך דעם קאָרבּן
מיט'ן גאַנצן האַרץ?" –
ווערט דער באָבּעס פּנים פינסטער,
ווערט איהר פּנים שוואַרץ...

– „שוין נישט אויפהערען זיך טרענען
וועט דאָס קלײדעל דײַנס
פריהער, ביז עס וועט דער שנײַדער
טון נאָך טאַקי אײנס:

זאָל ער מודה און מתוודה
פון בעל'עמער זײַן,
אַז גענײדהט, גענײדהט און שבּת
ר'האָט אַ שטאָך אַרײַן!"

# די חַלוֹת.

„ווער עס פוילט זיך פלעכטען חַלוֹת,
פלעכטען וועט אַ גרויען צאָפּ“ —
יאָגט די באָבע מיך צום מולטער,
כאַפּ איך שטיל זיך פאַר'ן קאָפּ:

און דאָס געלע בעקער־מיידעל?
חַלוֹת יעדע וואָך — אַ בויד —
אָנגעפלאָכטען אויסגעטאָקטע,
און געבליבען אַלטע מויד!

# די הַבְטָחָה.

– „ווער עס העלפט נישט צו דער מאַמען
אין דער קיך, אין שטוב,
דער וועט ווערן אַלע מענשען,
זיך אַליין נישט-ליב,

אַז דו טוסט אין קאַלטען וואַסער
נישט די הענד אַריין,
וועסטו נעגעליך בעקומען
דיר און לייט צו פּיין:

וועסטו האָבען נעגעל שאַרפע,
ווי אַ ווילדע קאַץ, –
ברויכסט נאָר וועמען אָנצורירען,
קריגט ער באַלד אַ קראַץ;

אויף דער האַנד, וואָס העלפּט דער מאַמען
רידהרעוודיג און פײַן,
וואַקסען נעגעל גלאַנציג-ווײַסע,
ווי דער מאָרגען-שײַן...

העלף-זשע. צו דער מאַמען, מײדעל,
וועסטו האָבען שכר:
וועסטו האָבען לאַנג דײַן מאַמען,
זײַן בעהיט פאַר צער"...

וואו איז, באָבע, דײַן הבטחה?
— פרעגט מײַן האַרץ זיך איצט —
נידריג אויף אַ האַרטען בענקעל
אָט דײַן קינד-לעב זיצט...

און געפלײַסט האָב איך זיך תָּמיד,
ווי אַ פלינקע בין;
איצטער אויף דעם שבעה־בענקעל
רוה־זיך־אָב פון טון!

און די נעגעל, גלאַנציג־ווײַסע
ווי דער מאָרגען־שײַן,
וואַקסען מיר אין פלײש אין צאַרטען
אָבל׳דיג אַרײַן...

## דער באָבעס זעהונג.

הויבט דער מאָרגען אָן צו שײַנען,
טו איך דאַן דער זון צוליב:
כ'זעץ־אַרויס־זיך מיט'ן תהלים
פאַר'ן שוועלכעל פון מײַן שטוב.

אײַנגעבויגען איז מײַן רוקען,
ווי פאַר'ן הויז דער קרומער פלויט;
אויף מײַן קרבן־מנחה־סידור
שײַלט זיך שוין די אַלטע הויט.

נאָר השגחה גיט די באָבע
נאָך אויף אַלעם, ווען זי וויל,
און איך קוק מיט צוויי פאָר אויגען:
שאַרף און קלאָר זעהט אַלץ מײַן בריל!

װעה איך, װי בײַ מיר אין קיכ'על
איצט אַ שטילע פּוסטקײַט הערשט
און פֿערלאָזט אינמיטען קעהרען
ליגט די אַלטע־אַלטע בערשט...

און פֿון דרױסען, װעה איך װידער,
קלאַפּט אַ יוד צו מיר אין קיך,
כ'װעה דעם שטױב פֿון דער מדינה
זיך בערן זיך אױף זײַנע שיך;

כ'װעה: ער שלאָגט זיך מיט דער דעה,
עפּעס יאָגט איהם פֿון דער שװעל –
און ער גערעדט װי ר'איז געקומען...
איצט אין מוח װערט מיר העל! –

ס'מײדעל פֿלױדערט בײַ דער שכנה,
אין דער קיך אַ פּוסטקײַט הערשט
און פֿערלאָזט אינמיטען קעהרען
ליגט די אַלטע־אַלטע בערשט...

העלער, העלער שײַנט דער מאָרגען,
העל, אַלץ העלער װערט אין קאָפּ:
װער עס װענדט־זיך אָב פֿון קעהרען,
קעהרט פֿון איהם דער שדכן אָפּ!

און געזעהן דאָס האָב איך אײנע,
און פֿערשטאַנען, און דערפֿיהלט,
װי מײַן דינסט האָט אין אַ רגע
איהרס אַנ'אײגען הײם פֿערשפּילט!

## מזל־טוב!

גיסט זי אײַן אַ גלעזעל וואַרמס,
כּשר־קלאָרען שבת־טרײַ, –
פאַלט דער דינסט פון האַנד דאָס גלאָז,
האָט זי האַלבע גלעזער צווײַ,
שטעהט בעטריבט אַ מײדעל.

קומט אויף ווײכע זוילען אָן
גראָד די באָבע שטיל פון הויף,
זעהט זי שערבלעך – פאַטשט אין הענד:
– „ס'וועט דאָ זײַן אַ מזל־טוב
הײַנט נאָך, הײַנט נאָך טאַקי!"

זיצט מען נאָכ'ן טשאָלנט זיך,
ס'גאַנצע שטעדטעל פאַר דער טיר;

פליהט אַ מַחנה פייגעל דורך,
שטעלט-זיך-אָב דער לופט-שפּאַציר
איבער אונזער הייזעל...

זעהט מען דאָך בעשיינפערליך
חָתן-כַּלה, הונדערט געסט,
ווי זיי זענען אויבען דאָרט
צווישען זיך פער'קָרוב'ט פעסט!...
ס'גאַנצע שטעדטעל שמייכעלט.

נאָר די דינסט קוקט מאָדנע טריב...
ס'באָבע-לעבען קוועלט און שיינט:
ס'קומט דאָך איצט אַרויס אויף איהרס!..
ס'האָט נישט דאָס די דינסט געמיינט,
באָבע, ליבע באָבע!

# אין הויף.

זומער-מאָרגען. – פינף אזייגער
ווערט שוין וואַך דער הויף, –
מאַכט זיך לעבעדיג און לוסטיג;
לויפט מען פאַשען ס'עוף.

ציהט א יונגעל נאָך זיך א מיידעל
ביז צום היינער-פלעט, –
שענקט ער איהר א קוש א צאַרטען,
שענקט ער איהר א גלעט.

ריהרט זיך נישט פון אָרט דאָס מיידעל,
ווייסט נישט, וואָס צו טון...
שלאָגט איהר צו דאָס בלוט צום פּנים –
גאַפט די געלע הון...

עסט דעם מייִדעלס יונגער רויטעל
אידהר אַין אויג זיך אַיין, –
וועלען אַלע, אַלע אייִער
מיט אַ „בלוטס־טראָפּ“ זייַן!...

ד

## דער אַלטער סידור.

אין אײן האַנד דער אַלטער סידור, רבי־געלד אין צווייטער,
אויפ'ן שנירעל אָנגעהאַנגען באָמבעלט זיך דער טײַטער, —
פלעגט געפלינק די באָבע לויפען קלײנערהײד אין חדר,
קמץ־אַלף, גלײַך מיט יונגלעך, חזר'ן דאָרט כסדר.
אַלץ וואָלט שוין גאָר גוט געווען; נאָר די יונגלעך שלאָגען —
ס'טוט דאָס קול פון מײדעל־יאָמער הימעל־הויך זיך טראָגען.
ד'האָט אַנומעלט שיער געחלש'ט, שיער געווען געשטאָרבען
פון די קלעפּ און מצוה־פּעטשלעך, אוי געווען אַ חורבן!
נאָר דערפאַר טוט מען אַ ווײַבעל אין אַ קײט אַ ברײטער,
מיט דעמזעלבען אַלטען סידור, נאָר שוין אָהן אַ טײַטער,

דורכ׳ן שטעדטעל דורכ׳ן גאַנצען צו דעם שוהל־הויף פיהרען.
אַי ווי נעהמט דאָס נייע ווייבעל מיט אַ שטאָלץ מאַרשירען!
ווייבלעך שטומען, ווייבלעך גלאָצען, שעמעוודיגע, שטילע,
אויף איהר מויל, וואָס טוט נישט רוהען פון דער שבת־תפלה,
ווי זי טוט דאָס מיט דעם חזן און מיט קהל צוזאַמען
מיט געבעטען און געזאַנגען צו דער שכינה ל׳אַמען.
אין דער שוהל אַ קנאה־שנאה, שוויצען, שטערן־ווישען,
ווייבלעך האַלטען נעבעך אַלע אין איין בלעטער־מישען...
זי צעפלאַמט זיך און צעדאַווענט שוין אויפ׳ס־ניי זיך ווידער:
ז׳איז דאָך אין דער היים פון קינדווייז אין דעם אַלטען סידור!

# אַנטיקעלעך.

אַנומעלט האָבען מײדעלעך דרײַ, שענינקע ווי גאָלד,
מיט טײַערע אַנטיקעלעך זיך זאַלבעדריט געפראָהלט:
„איך האָב אַ שטערען־טיכעלע — האָט אײנע זיך בעריהמט —
נאָך פון מײַן עלטער־באָבעשי, געקעסטעלט און געבלימט“.

„איך האָב אַ ציטער־נעדעלע — די צווײטע האָט שטאָלצירט —
נאָך פון מײַן עלטער־באָבעשי, מיט דימענטלעך פערצירט“.
און נאָר דאָס דריטע מײדעלע האָט שטיל אין זיך געלאַכט
און שטיל דאָס שויבען־טירעלע פון אַלקער אויפגעמאַכט:

„דאָס טײַערסטע אַנטיקעלע פערמאָג איך אײנע נאָר —
די עלטער־באָבעשי אַלײן פון איבער הונדערט יאָהר!“

## דער קדיש.

צווישען קברים פון געבענשטע מצאמעס,
פול מיט גרעזער שפראצענדיגע, קלארע,
שלאגט עס אב דאס גרויע, גאלע בערגעל, —
ליגט די שלאנקע, מיידעלשע עקרה.

ליגט זיך שטיל דער שלאנק-געשניצטער קערפער
מיט זיין מוטער-דורשט דעם גרויסען, הארבען;
זעהט זי אלץ, וואס טוט זיך איבער'ן קבר —
וויל אין גרוב איהר בענקשאפט אויך נישט
שטארבען.

זעה־ט זי, ווי אין גרויסע וואַסער־קאַפּליעס,
וואָס בעווייַנען ס'קבר און בעטראָפּען'ס,
לעזט־זיך אויף אַ נעבעל־ווייל אַ בלייַכער,
גראָד דעם גאָלען בערגעלע צוקאָפּענס.

גיסט איהר ווער אַ שלאָכצענדיגען קדיש
אין די שטילע, טויטען־שטילע אויערן:
ער — אין וויסטען קבר אויסגעחלומ'ט,
קיינמאָל נישט געבוירען...

## אַ מאַמע ג׳האָט קדישים דרײַ...

אַ מאַמע ג׳האָט קדישים דרײַ,
אַברהם, יצחק, יעקב
געגעבן נעמען זײַ.

און תּמיד הײמליך, פרום און ליב:
אַברהם, יצחק, יעקב
געקלונגען האָט די שטוב.

די מאַמע איז געוואָרען אַלט,
פערבלײבט מיט יעדען אַבר,
פערווערטאָגט, מאַט און קאַלט;

נאָר שען און יונג געבליבן ס׳קול,
בעווײַל די אָבות לעבען
איהר אײביג אויפ׳ן מויל.

## דעם קַמצנ׳ס שטוּב.

צווישען וועגען ווילד פערוואַקסען,<br>ווענט פערדהויקערטע פאַר שאַנד,<br>מיט געלעדהמטע הענד צוּם געבּען<br>וואוינט דער קַמצן פוּן דעם לאַנד.

איינמאָל נאָר אין שַבּת־שירה<br>שיט ער בּרויזען אין דער גאַס,<br>פייגעל שלייפען זיך די פּיסקלעך –<br>פּיקען? חָלִילָה וְחַס!

ס׳שטעהט בּיי אוּנז אין אַלטען סֵפר<br>מיט׳ן איינגעקנייטשטען ראַנד,<br>אַז אַ פוֹיגעל וועט נישט פּיקען,<br>וואו עס הערשט אַ קאַרגע האַנד...

לאַנג פֿערוואָרפֿען איז דאָס ספֿר
און דער קמצן שוין אין גרוב;
מיט אַ גרויסען, ברייטען בויגען
מײַדען פֿייגעל אויס די שטוב.

## דעם חזנ׳ס בענקשאפט.

אמאל אין ראש-חודש ביים שטענדער ביים פענסטער
פערפעהלט האט דעם שוהל-כעל איהר שענסטער,
איהר זינגער, דער חזן – א מענשליכע סיבה:
ר׳זיצט שבעה אין טראכטונגען טריבע.
פערשטערט איז איהם דאסמאל ראש-חודש, פערדארבען:
א נפש פון הויז איז איהם געשטארבען...
ער זיצט אין זיין ווערה א געגליווערטער, שטייפער
און בענקט נאך דערצו צו דעם ספר,
צום ספר אין סאמעטען-פארביגער הילע
בענקט פלאמיג דער הייסער בעל-תפילה. –

די שוהל האָט צעברומט זיך מיט הײליגע טענער,
אַלץ העכער, אַלץ הײליגער, שענער,
און פּלוצים — דער כאָר הויבט־זיך־אָן צו פערשוועכען
און טרײסלען, און שפּאַלטען, און ברעכען...
אָ גאָט! ס׳ספר נידערט פון אָרון־הקודש
און שוועבט, און פערלאָזט אין ראש־חודש
די שוהל, און נעהמט מיטציהען אַלע און טראָגען
צום אָבל, וואָס בענקט אין זײן קלאָגען...

פון דענסמאָל געוואָרען אַ הײליגער עניָן,
ס׳זאָל דאַוונען בײם אָבל אַ מנין.

## אַ שַׂבּת־גרויל.

שטום געלעגען איז אַ מידער
שַׂבּת־פרידען אומעטום,
און דער לופט אַ שַׂבּת־ניגון
איז געגאַנגען ציטריג אום.

פלוצלינג בלאָזט אַ ווינד אַ קאַלטער,
ס'וואַקסט אַ יאָמער, גרויס, אַלץ גרעסער:
ס'האָט אַ יוד געקוילעט ס'ווײַבעל
מיט דעם שַׂבּת־מוציא־מעסער!...

## דעם זיידעס שבועה.

אַרום דעם צעהנטען תּמוז,
דעם טאָג, ווען ר׳האָט געיעהרט זיך,
האָט זיך דעם זיידעס ווערהטאָג
פערגרעסערט און געמעהרט זיך.

דער רופא איז געקומען,
פערצויגען שטרענג די ברעמען, —
מען זאָל נאָר זעהן וואָס גיכער
דעם פוס אַראָבצונעהמען!

דאָך ער — ער שווערט אַ שבועה
ביים טאָג, וואָס ר׳האָט געיעהרט זיך:
קיין איינס פון אַלע גלידער,
צווייהונדערט אַכט־און־פערציג,

וואָס גאָט האָט איהם בעשאַפען,
וועט ער נישט לאָזען מינערן –
און בעסער וויל ער שטאַרבען,
אײ ס'לעבען זיך פעראומערן!

* * *

דער זיידע איז געשטאָרבען,
שוין ס'לעצטע מאָל געיעהרט זיך
מיט אַלע זײנע גלידער –
צוויי־הונדערט אַכט־און־פערציג...

# נאָך תּשעה-באָב.

כ'בין אַ קינד געווען, — פערצעהלט די
באָבע-לעב, — אַ קלײנטשיק מײדעל;
בײגעוואוינט אַ שטאָלצען מנהג
האָב איך אין מײַן אָרים שטעדטעל.

תּשעה-באָב, שוין מוצאי-תּענית,
ס'לויפען מאַנסביל, ווײַבער, קינדער,
יעדעס נפש מיט זײַן קינה —
לויפט מען אויף די גרויסע וואונדער,

אויף דער נאַכטליך-שוואַרצער לאָנקע..
און מען וואַרפט צונויף די קינה'ס —
און עס שלענגעלט זיך אַ פלעמעל,
גאָר אַ קלײנטשיקס און אַ דינעס...

נערהמט מען פרישען פעך דערגיסען
צו דעם באַרג פון קינדה׳ס, איכדה׳ס –
מאַכט זיך צווישען ערד און הימעל
באַלד אַ פײַערדיגער שיכורת...

שטעהט מען, קוקט מען אויף די וואונדער:
וואָס מיר זענען, וואָס מיר קענען,
ווי אַזוי אין פעלד אין ריינעם
טוט דער וויסטער גלוֹרת ברענען!...

ווײַט אַרום האָט זיך דאָס פײַער
אין די דערפער אָפּגעשלאָגען...
פון דער לאָנקע האָט אַ נאַכט-ווינד
אונז צוריק אַהיימגעטראָגען –

איבער סעדער, איבער גערטנער
צו אַ ליכטיג־נײַעם מאָרגען:
נישט געוואָלט אויפ׳ס יאָהר מײַן שטעדטעל
זיך מיט קינד־ה׳ס פריש פערזאָרגען!

## צום „בעשוי".

די באָבע פאָרט „שויען". פאַרטאָגס. אַ געקאָך, –
מען טראָגט צו דער קאָטש איידער די קופּערלעך נאָך;

דער מאַרק האָט געווינקט זיך מיט קלייט און מיט קראָם
און ווינשט איידער אַ שענעם, אַ ברייטען ווילקאָם!

געמאַכט שוין, מיט מזל, אַ צוויי-דריי וויאָרסט אַקס –
דער באָבעשיס פּנים ווערט רויט-געלער וואַקס...

זיך אומקערן וואָלט נאָך געווען כּדאַי:
פערגעסען דעם עיקר! צום גוטען הלוואַי!

די שעכטעל מיט זיידענע שטרענדלעך פערפולט –
צו פּרובען ביים „שויען" דער כּלה'ס געדולד!...

דערווייל האָט אין דרויסען פאַרנאַכט זיך געמאַכט,
וואָס חלומ'ט אַ באָבען אין גאָט'ס אַ פאַרנאַכט.

ווען ס׳קאַטשעל פליהט שנעל צום „בעשׂוֹי״, ווי אַ באַהן?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין אויסגעצעהלט שטעהט שוין דער טיש מיט נדן,

פון צעהנדליגער ליכטלעך בעשטראַהלט און בעטריפט,

שוין ליגען די תּנאָים גע׳חתמ׳עט, פערבריפט.

געהאַרטעוועט פלוצים ווערט ס׳האַרץ ווי אַ שטיין:

די תּנאָים זיי רייסען ביים לייענען זיך־איין!

די תּנאָים – געשריבען אין נחת, אין פרייד –

ווייזט־אויס, ווערען אָבגעהן אין טרערען, אין לייד..

ד

## אַ פֿרימאָרגען.

יעדען מאָרגען ווערט די באָבע
וואַך אײנאײנעם מיט דעם האָן:
ס'איבערשמועסען די חלומות
הויבט פֿון ערשטען קרײַ זיך אָן.

— „ס'יונגוואַרג איז אויך ניט געגאַנגען,
אויך מײַן קינד־לעב צווישען זײַ" —
נעהמט זי הײַנט אַ טרוים דערמאָהנען,
בריהט־זיך־אויף דעם ליפּע־טרײַ.

„יעדער וויל די זכיה האָבען,
טרעפען אויף דער פרוכט אַמאָל,
וואו צוויי ברוינע ניסלעך ליגען —
בײַדע אין אַ שותפות־שאָל...

וואַסער מײדעל טרעפט פון אַלע
אויף דעם קלײנעם ליבעס־פּאָר –
ווערט מיט דעם בעשערטען נעסטען
אין איהר הײזעל שוין אויפ׳ס יאָהר״...

. . . . . . . . . . . . . . . .

– „ס׳קינד־לעב האָט די נוס געפונען,
זי פון אַלע ג׳האַט דאָס גליק!״ –
(אוי, ווי ווערט די באָבע מונטער,
און אויף גוט שוין רעדעוודיג).

„ס׳פינקעלט מיר אַזש פאַר די אויגען...
טאַטע־פאָטער, כ׳האָף און כ׳האַר!
ס׳קינד־לעב לאַכט און גליהט ווי צונטער, –
ס׳איז מײן חלום נישט קײן נאַר!״

און די באָבע שטראַהלט און לויבט זיך,
קריגט וואָס מעהר איהר חלום ליב...—
און דער ליפּע־טהעע פערשמעקט אונז
אין דער לענג און ברייט די שטוב.

## דער נאַשער.

אונזער קעכין שרײַט און רודערט,
לאַרמט, ווײַל דעוועט און רעש'ט –
עמיץ האָט איר פוטער־קוכען
פון דער פאַן אַרויסגענאַשט.

קוקט מיך אָן מײַן באָבע־לעבען
מיט דעם מילדען אויגען־גלאַנץ:
– „אײַנגערעגענט וועט דיר ווערען,
טאַכטערשי, דײַן חופה־קראַנץ!"

. . . . . . . . . . . . . . .

און ווען מ'האָט געפיהרט מיך – כּלה –
צו דער חופה מיט מײַן פרײַנד,
האָבען מענשען שטיל געשמייכעלט,
אָבער וואָלקענס שטאַרק געוויינט...

נאָר איך בין דיר, רעגען, מוחל:
אין דעם גרויסען חופה־טאָג
נישט פערשעמט געטאָרט האָט ווערען
מיר מיין באָבעס אַלטע זאָג.

## פרילינג־שבתים.

עס קומט פון גן־עדן צו פליהען
אַ זיס, אַ מחיה׳דיג ווינדטעל...
הויב־אונטער די הענד פאַר די אויגען,
בענטש, באָבעשי, אונזער געזינדעל!

קום רוהיג אַרויס אויפ׳ן גאַנעק,
הער, זיידעשי, אויף זיך צו פעלצען —
דער ווינד האָט היינט מורא צו בלאָזען,
די שבת־ליכט זאָלען נישט שמעלצען.

## די שבת־ליכטעלעך.

איצט ביסטו שוין א ווייבעלע
ביז הונדערט צוואנציג יאהר, –
איצט נא דיר שבת־ליכטעלעך
און לייכטערלעך צוויי פאר.

אין „קורצען פרייטאג“, ווייבעלע,
געדענק, אפילו דאן
צינד־אן בעצייטענס ס׳ליכטעלע,
נישט עובר־זיין דעם זמן!

צו גאט ביי שבת־ליכטעלעך
בעט שטיל און הייס ביז־גאר;
פערשטעל, ווי ס׳קומט, די אויגעלעך,
נאר זענג נישט אב די האר.

און לאָזט אָפּשר זיך פון הויז
אַמאָל סוף־וואָך אַוועק, –
געדענק, די שבת־ליכטעלעך
נעהם־מיט. נעהם־מיט אין וועג!

קאָנסט בלייבען נאָך אין ריינעם פעלד,
אַליין אין ברייטען רוים...
טריף־אָן די שבת־ליכטעלעך
אין דרויסען צו אַ צוים.

## די בּרכה.

צעהל איך, צעהל איך זײַנע בריוולעך׳
בריוועלעך אַ סך;
צופּט די באָבע מיך בײַם אַרבּעל:
— „לאָז זײַ, לאָז געמאַך!

אויף געצעהלטע זאַכען, קינד־לעב,
רוהט קײן בּרכה נישט!“ —
האָב איך ווידער אין אַ מיש־מאַש
זײַ צונויפגעמישט.

לאַכט דאָס האַרץ בײַ מיר אין־דרינען
האָפערדיג און שטאַרק, —
צי דען קאָנען זײַנע בריוולעך
ווערען קנאַפּ און קאַרג?...

. . . . . . . . . . . . . . . .

יאָרהרען פֿליִהען. בלאַסער, ווייסער
פֿאַר דער קאַלעך־וואַנד
וועג איך ס'פּעקעל אַלטע בריוולעך
אין מײַן שמאָלער האַנד...

ליגט דאָס פּעקעל אויף דער האַנד־פֿלאַך
ווילד צונויפֿגעמישט;
לײַכטער איז עס נישט געוואָרען,
שווערער – אויכ'עט נישט!

אוי, ווי ס'ווערען פּלוצים הארטליך
אויף מײַן קאָפּ די האָר...
ניין, ער האָט מיך נישט פֿערגעסען,
באַבע־לעב, נישט־וואָרהר!

ניין, ער האָט זיך נישט געביטען, –
הויבט זיך גאָר נישט אָן!
כ'האָב נאָר, צעהל'ענדיג די ברייוולעך,
די ברכה אָבגעטאָן..

# אין דער פרעמד.

קלאָג איך זיך דאָ־ווען אין בריוועל:
„ברויט פון טאַש, די לעצטע ברויז,
וואָס איך פלעג מיר אָבצושפּאָרען,
גַנב'עט מיר די פרעמד אַרויס!

אוי, אַנ׳אומגליק, באָבע־לעבען:
אין הודהאַ דאָ, אין דער פרעמד,
מוז שוין אונזער־איינס פערלירען
וואָס ער האָט - פון לייב דאָס העמד!״...

קומט דיין תשובה, באָבע־לעבען,
ווערט מיר פלוצים אַלצדינג קלאָר:
„ביסט צו תשליך נישט געגאַנגען
אין דער פרעמד צום אָנהויב יאָהר;

זענען אָנגעפּאַקט די ט אַ ש ע ן
מיט עֲ בֵ ר ו ת, ווי מיט בלײַ –
וויל שוין, קינד־לעב, עפּעס־אַנדערש
נישט דערהאַלטן זיך אין זײַ!“

## אַ בריוועלע דער באָבען.

ווען כ'האָב זיך פֿאַר מײַן שטעדטעלע
צום לעצטען מאָל פֿערנײַגט,
דאָ האָסטו מיך, מײַן באָבעניו,
גאָר ברײַטליך אײַנגעצײַגט...

אַרײַנגעלעגט אין קלומעקעל,
פֿערפּאַקט, בעוואָרענט גוט —
צעהן נאָדלען, זיבען שטרענדלעך גאַרן,
אַ שער, אַ פֿינגער־הוט.

— „נשמה מײַנע, — זאָגסטו שטיל,
מיר גלעטענדיג ס'געזיכט —
געדענק, ווײַבאַלד עס לעכערט זיך,
טו־אויס דאָס קלײד, פֿערריכט!

נישט זאָל קיין מענטשנס האַנט אויף דיר
פערגיידהען, קינד-לעב, ס'לאַך:
דער שׂכל ווערט פערגייהט, פערשפאַרט,
פערשטאָפּט אַזוי ערגאַך!

בעקומען קאָנסטו, כּשר קינד,
אַ קאָפּ אַזי טעמפּ, אַזי שווער –
און פאָהרסט דאָך ווערען קלוג און קלאָר
דו פאָהרסט דאָך אין די לעהר"...

איך האָב זיך דאָ אַרומגעקוקט
איצט, באַנבע-לעבען מיין, –
וואָס אָנבעלאַנגט דאָס קעפּעל מיינס,
טאָ קאָנסטו רוהיג זיין.

קיין האנד, קיין דרים וועט נישט אויף מיר
פערכאַפּען דאָ אַ לאָך:
יעדוועדער לעבט פאַר זיך אַליין, —
הוּרהאַ! אַ ווילד געקאָך!

און טיילמאָל נאָר דאָ ווער איך שוואַך,
און ס'האַרץ טוט ביטער וועה,
אַז קיינעם, קיינעם געהט נישט אָן,
צו אָבגעריסען כ'געה!...

## דער שלוקערץ.

ניין, נישט פּשוט איז מײַן שלוקערץ, —
ערגעץ, קינד־לעב, ווײַט צי נאָהנט,
ווערט דער נאָמען פֿון דײַן באָבען
הײַנט אַ גאַנצען טאָג דערמאָהנט.

אָפּשר מאַכט אַ מונטער מײדעל
איצט אַ טענצעל און געדענקט
מיך צום גוטען: כ'האָב אַנומעלט
ס'קרומע פּיסעל אײַנגעלענקט;

אָפּשר וואו אַ האַרץ־חלשות
און מען גיסט דער באָבעס זאַפּט
צווישען ליפּען אויסגעבלײכטע
צו רפואה און צו קראַפט.

ניין, נישט פּשוט איז מײַן שלײַקערן, —
ערגעץ, קינד־לעב, ווײַט צי נאָהנט,
ווערט דער נאָמען פֿון דײַן באָבען
הײַנט אַ גאַנצען טאָג דערמאָהנט...

אָפּשר טוט אַ פֿרומער רבי
איצט דײַן באָבען מזכיר־זײַן;
אָפּשר — נישט בע׳שעה׳ט זאָל ווערען —
אָפּשר גאָר דער טויט אַלײן!...

# דיין לעבען.

טײַלמאָל, ווען אַ שטיפיג לופטעל
אונז דער אָווענד ברענגט –
זעה איך עפּעס, אַ פער׳צער׳טע,
ס׳ציטערט... ס׳ציטערט... ס׳הענגט...

הויך אין לופטען שוועבט אַ הערעל,
גאָר אַ דינטשיקס, קליינס,
און אויף איהם, אַ באָבע ליבע,
הענגט דאָס לעבען דײַנס!...

און אַז כ׳זשמורע-צו די אויגען,
באָבע ליבע - דאַן
אוי, ווי זעה איך גוט דאָס הערעל,
אַז עס איז פאַרהאַן...

הײַנט, ווען נאָך אַ שטיפּיג לופטעל
זיך מיט איהם צעשפּילט, –
ווערט דער הויך פון מײַנע ליפּען
מיר פאַר שרעק פערקיהלט!

אַהנסטו וואָס־עס־איז אַזעלכעס,
שמײכעלסט לאַנג, פערבענקט –
זעה איך עפּעס, אַ פער'צער'טע'
ס'ציטערט... ס'ציטערט... ס'הענגט!...

# דאָס יאַגדע־פּלעק׳על.

„ניין, נישט לאָזען וועט שוין ס׳פּלעק׳על,
– גיב איך שווער אַ קרעכץ –
אָבגעקלאָגט שוין ס׳חלה־דעקעל:
יאַגדעס־איינגעמאַכץ!”

שטעהט, ווי אין אַ טרוים, פּערלווירען
ס׳באָבע־לעבען גאַנץ, –
לאַנגע רינגלעך אין די אויערן
קריגען מאָדנעם גלאַנץ...

– „ווען עס וועט דער דרויסען אויסזעהן
טרויריג, גאָל און קאַלט,
ווען די לעצטע יאַגדע אויסגעהן
וועט אין טיפען וואַלד;

ווען דער הערבסט די ברוסט וועט קלעמען
מיט זײַן לעצטען גריס, –
וועלען יאָגדעס מיט־זיך נעמען
דאָס, וואָס זײַערס איז...

וועט דײַן פלעקעל געלב ווערען,
קינד־לעב, שטיל, פּאַרטאָגס,
אין אַ טאָג אַ כמורען, שווערען, –
איך, די באָבע, כ'זאָג'ס"...

* * *

דרויסען בלאָזען קאַלטע ווינדען,
ציהט א רויער דהויך, –
ס'פלעקעל איז מיר לאַנג פערשוואונדען
און די באָבע אויך!

# די צוואָה.

„גוטע נאַכט אויף דיר, מײַן שטעדטעל,
און אַ גוטען תּמיד!..
צי עס רוישט פון בוים אַ בלעטעל?
צי גאָר זינגט דער אומעט? —

שפּעט. עס רוהען אַלטע טרעפּען,
ס'קרעכצט שוין נישט קײן שטאַפּעל;
ס'נעהמט דער טויט די אויגען קלעבען,
כ'זאָג אַ לעצט „הַמַפִּיל"...

לײענט מײַן צוואָה - צעטעל
מאָרגען אָהן אַנ'אומעט:
פון דעם האָלץ, וואָס כ'האָב מײַן בעטעל,
שטעהט אין שוהל אַנ'עמוד.

וועט איהר מאָרגען מיך בעגראָבען,
נעהמט, צעהאַקט מײַן בעטעל
און גיט־מיט דאָס האָלץ דער באָבען
אויף אַ קבורה־ברעטעל".

* * *

לאַנג פערפוילט איז ס'קבורה־ברעטעל,
ס'שטעהט ביז־איצט דער עמוד...
גוט־נאַכט אויף מײַן באָבעס שטעדטעל
און אַ גוטען תמיד!

### אָבגעהויבען ליגט די באָבע...

אָבגעהויבען ליגט די באָבע
אויף דער קאַלטער דיל...
ס'קומט-צונויף זיך די מִשפָּחה,
קרובים, קרובות פיל.

און פון קליינעם ליבען הײַזעל
ווערט אַ טרויער-הויז...
האַלב-פערמאַכטע טויטע אויגען,
וועמען קוקט איהר אויס?

עפעס קלינגט אין מיר אַ ניגון
פון אַנ'אַלטער צײַט –
רייד געזונגענע-געזאָגטע,
דײַנע, באָבע, רייד!

„נאָך כָּל־זמַן ר'איז נישט בעגראָבען,
זיי־זשע וויסען, קינד,
זעהט ער, זעהט דער מֵת נאָך יעדען
פון זיין הויז־געזינד"...

אָבגעהויבען ליגט די באָבע
אויף דער קאַלטער דיל;
וואָס־אַמאָל קומט־צו אַ קרוב,
בעט מְחִילה שטיל...

ליכטער שפּרייטען־אויס אַ רינעם
וועקסענעם געריך.
יעדען, יעדען זעהט די באָבע
אונטער'ן שוואַרצען טוך...

# דאָס רינגעל.

„קײנמאָל זאָלסטו עס נישט אויסטון,
נישט אין פרײד, אין נויט,
סײדען אַז דו װעסט זיך װאַשען
צו אַ שטיקעל ברויט"...

כ'טראָג עס, כ'טראָג עס, ס'קלײנע רינגעל,
ס'שטײנדעלע דײַן בלאָה'ס –
זיך צו װאַשען, באַבע־לעבען,
איז נישטאָ צו װאָס...

אָבער אָסור, באָבע־לעבען,
צי דער רענירת אַרט;
אַלא װאָס – דער שלאַנקער פינגער
האָט מיר אײַנגעדאַרט...

נאָר דערפאַר האָב איך דאָס רינגעל
ווי אַנ׳אויג געשווינט, –
נישט פערבלאָנדזשעט האָט מײַן פּיסעל,
וואו דער מַלְוֶה וואוינט!

זיך צו שיידן פון דעם רינגעל
טראָגט דאָס האַרץ נישט אויס...
ענגער, ענגער ווערט דאָס לעבן,
און דאָס רינגעל – לויז.

## גוט־וואָך!

ווימעלט מיר דער שבת־הימעל
פול מיט וואָלקען, גרוי און ברוין, —
שטעה איך מיט דעם גוט־וואָך־ליכטעל:
טאָר מען נאָך נישט, אָדער שוין?...

קנוילט פון שאָטען זיך מײַן טויטע
באָבע מיט אַ שטומען וואונק:
„איצט, אין טונקעל־ייִעה פון שבת,
וואַרף אַרײַן דעם ערשטען פונק!“...

און צעפליסט מיר מיט דעם שבת,
איז עס הויבט־זיך־אָן ס׳געיעג...
צינד איך אָן דאָס ציטערדיגע
מזל פון די זיבען טעג...

. . . . . . . . . . . . . . . .

גוט־וואָך!... כ׳שטעל זיך דיר אקעגען,
ווי די באָבע הייסט,
מיט אַ פריילעכן העלען פּנים,
ליכטיג, אויסגעלייזט!

כ׳טרייסעל־אָב פון מיר די דאגות
צו דער פולער וואָך;
כ׳שפּריץ מיט פרישקייט, ליבער שבת,
כ׳שפּריץ מיט טוי דיר נאָך!

לאַך, מיין האַרץ, אָ לאַך וואָס טיפער,
פאָלג דער באָבעס מיין, —
וועט די גאַנצע וואָך אַ שטאַרקע,
אַ בעלהאַרצטע זיין!

# כלה-יאָהרען.

ע״ג

# וואַלד-מיידעל.

פידהר איך מיר אַ ליבע מיט אַ בוים אַ שלאַנקען,
זיץ איך אויף מײַן בוימעל, שטילטשיק, אין געדאַנקען.

פאָדלען האָט מײַן ליבסטער, מיך וועט ער נישט שטעכען,
כ'זאָל אפילו טויזענד צווײַגעלעך איהם צעברעכען!...

גערהט פאַרבײַ אַ חבֿרה מיידעלעך מיט חתנים,
גאַפּען זיי און לאַכען פון געזעס פון מײַנעם;

שפּאָטען זיי און רופען: „קום מיט אונז שפּאַצירען,
ביסט דאָך אַהן אַ חתן – וועסטו ס'רעדעל פידהרען!“

לאַכען זיי און רופען, שרײַען זיי און שאַלען, –
בין איך, טענען-בוימעל, דיר אַראָבגעפאַלען!

צעהל איך מיר די ביינדלעך, צי איך האָב נאָר אַלע...
ביַיגעבוירען, וועלדעל, אַיז זי דיר, דיַין כּלה!

אָטעמען די בוימער, ווי בעגליקטע מענשען,
רוישט פאַר מיַינעטוועגען הויך אַ גומל־בענשען...

# ביים טײַטש־חומש.

אוי, ווי׳אַ וואוילער שדכן
אַליעזר איז!
אוי, וואָס גאָלד און זילבער
וואַרפט ער איהר צו פיס! –

ניין, גענוג שוין, מיידלעך,
ס׳טײַטש־חומש געלײַ׳נט:
עפּעס יאָגט אַרויס מיך
אין דער נאַכט מיך הײַנט.

ליכטיג איז די בענקשאַפט,
טונקעל איז די נאַכט, –
לאָזט צום גליק אײַך, שוועסטער,
זילבער־העל צעלאַכט!

שאָטענס האָט דער אָוונד
שורות'וויַיז צעשטעלט...
אפֿשר וואַרטען שלוחים
אויך אויף אונז אין פֿעלד!

העט די ווײַטקייַט ציטערט,
צוקט און בליצט, און רופֿט, —
צירונג גאָלדענס שימערן
זעה, איך אין דער לופֿט...

לאָזט צום גליק איַיך, שוועסטער,
זילבער־העל צעלאַכט:
רבקה'ס שטערן שײַנען
וועט די גאַנצע נאַכט!

# אֶסתּר הַמַלכּה.

קלאַפּט און רוישט דער גרעגער,
מ'הערט אַ וואָרט קוים־קוים, –
נישט פערטריבען וועט איהר,
מענשען, מיר מיין טרוים!

ס'פאַלבט מיין סיצען־קליידעל
זיך אַהער־אַהין –
ס'ווערט דערפון אַנ'עכטער
ברייטער קאַרמאַזין...

ס'שמאָלע רויטע בענדעל,
וואָס פערשלייפט מיין צאָפּ,
נעהמט מיר קרוינען הערליך
שאַרלאַך־רויט דעם קאָפּ;

עפּעס ווערט מײַן פּנים
חנ'עוודיג און שוואַרץ...
ווי די מלכּה אֶסתּר! –
שמייכעלט שטיל מײַן האַרץ.

און כ'בליה־אויף אין שענקײַט,
און מײַן חלום אויך, –
מלכּה בין איך, מלכּה!
און פֿאַר מײַנס אַ הויך

גיט אַוועק דער מלך
איצט אַ האַלבן לאַנד, –
כ'בין די מלכּה אֶסתּר
אונטער'ן פּורפּור־באַנד!

# פֿאַר דער טיר.

װען דער טאָג איז הײס,
װערט דער דורשט אַ קרענק, –
שיקט מען מיך אין ברײז,
שיקט מען מיך אין שענק.

בלײַב איך אױף אַ װײַל,
כ'שמועס פֿאַר דער טיר...
אונטער דער פֿאַטשײל
שױמט דאָס פֿלעשל ביר.

האָב איך זיך פֿערזאַמט,
ס'איז דאָך הײס צו געהן;
פֿידל איך, ס'בעקל פֿלאַמט...
װער איך בײדיש שען!

און איך, מײדעל, איך
אין שידוכים שטעה;
מײנט מען ס׳געלד, נישט מיך –
איז מיר אך און װעה!

שא... פון יענצװײט פלאט
לאַכט זיך עמיץ אויס, –
אונטער׳ן טוך מיט שפּאַט
שיסט דאָס ביר אַרױס!

# דאָס רויטע קלײדעל.

פלעגט דער ליבער זומער אָנצוקומען –
װײַסלען זיך די קלײדלעך העל און מילד;
איך נאָר אײנע גערה, װי אױסגענומען,
אין אַ רויטען קלײדעל אײַנגעהילט.

ס'איז אַ זכורת דעם קלײדעל אויסצוזוכען:
גערה איך מיר אַמאָל אין גאס אַרויס,
מוז איך, מַעֲשֹה־שָׂטן, זיך פערקריכען, –
קוקט מײַן באָבע זיך די אויגען אויס...

כ'האָב אַ באָבעשי, כּמעט אַ בלינדע,
װינקט מײַן קלײד צו איהר װי רויטע מאָהן;
צום אַװעקגעהן בין איך אַ געשװינדע,
נאָר דער צוריקװעגס קומט מיר שװערליך אָן...

פלעג איך זיך פערשפּילען, צוצוקלעבען
דרויסען, נאָכצוגאַפּען יעדער פּודהר,
מיט אַ בוימעל זיך אין אײַנס פערוועבען–
זיצט בײַם שוועל די באָבע, בענקט צו מיר...

ביז אַ שמעטערלינג אַ גרויסער, רויטער
לאָזט פון ווײַטענס צו איהר אויג זיך זעהן, –
שטראַהלט דאַן אויף איהר בליק, דער האַלב שוין טויטער,
קאָן די בלינדע מיר אַקעגענגעהן.

# דאָס טירעל.

ביי אונז אין דעם שטיבעל איז אַלצדינג געפּאַסט,
כאָטש נעהם און פערבעט מחותּנים צו גאַסט!

דער טאַטע – אַ מײַסטער אין איטליכען פאַך,
טאָר טאַקי קיין שינדעל נישט פעהלען אין דאַך.

די לאָדען אין דרויסען פערקלאַפּען זיך פיין,
קיין שפּאַלט טאָר אַוודאי אין קוימען נישט זיין.

איין זאַך נאָר, איין זאַך, וואָס זי לאָזט נישט צו רוה:
דאָס טירעל, דאָס טירעל געהט קיינמאָל נישט צו!

דער קלאַפּ־שלאָס האָט אין־זיך אַ קאַליעדיג האַרץ
אַזוי ווי זיין צורה – פערזשאַווערט און שוואַרץ...

די אַנגעל צעסקריפּעט זיך דהייזריג און בייז,
אַזוי אַז פערציטערט בלײַבט ס׳גאַנצע געדהייז!!

*　　*
*

אַ שענער פרידהמאָרגען, די זון האָט געבלענדט, –
דאָס טירעל צעטראָגען בעוועגליכע הענד...

איך שטעה אַ פערפלאַמטע ביז טיף, ביז צום ביין,
שדכנים... זיי רײַסען דאָס טירעל אונז איין!

# חלומות.

איך בין א קינד א הייס-געליבטעס
און האב געחלומ'ט ליכטיג, ליב:
די מאמע נייהט א חופה-קליידעל,
דער טאטע בויט פאר מיר א שטוב.

און ווידער האט זיך מיר געחלומ'ט:
א גרויסע, קאלטע טרויער-שטוב;
די מאמע זיצט און נייהט תכריכים,
דער טאטע גראבט אין דרויסען ס'גרוב...

איך בין א קינד א הייס-געליבטעס
און האב געחלומ'ט ליכטיג שען:
די מאמע באקט דעם סעודה-קוכען,
דער טאטע קעלטערט חופה-וויין.

און ווידער האָט זיך מיר גע'חלומ'ט:
אין שאַרבען ליגט צעהאַקט די פלאַש...
און טאַטע־מאַמע זיצען נידריג
און שלינגען שטום אַנ'איי מיט אַש...

## אין בעקער-שטוב.

אַ שידוך האָט געמאַכט זיך –
אַן אויסגענומען גליק!
די מאַמע וויינט אין פריידען,
דער טאַטע אויסגעלאַכט זיך,
פאַר נחת קוועלענדיג:

זיין טאָכטער איז אַ קליינע,
ברוין-חנ'עוודיג און פריש,
ווי יענע ליבע זעמעל,
די שמעקעדיגע, שענע,
פון ווייסען בעקער-טיש!...

היינט מיט אַ בליק אַ נאַסען
בעוועגט זי זיך, ווי פריידה'ר,

שטיל צווישן טאַטע־מאַמען –
און ציכטיג און געלאַסען
איז יעדער מיידעל־רידהר.

נאָר אידהרע אויגען וואַנדערן,
פערזאומערטע און שוואַרץ,
צום טאַטענס אַ געזעלען...
פון איין געבעקס צום אַנדערן...
פערשטומט איז טיף איהר שמאַרץ.

באַלד וועט זיך איבערהאַקען
אַ חָלוֹם היימיש, ליב...
ווער פאָלגט דאָס נישט אַ טאַטען? –
נאָר ס'האַרץ בלייבט איינגעבאַקען
אין אָט דער בעקער־שטוב...

# איבער נאַכט.

וואָס האָט זיך דאָס מיט מײַנע האָר געמאַכט?
געשעהן אַ וואונדער פּלוצים איבער נאַכט:

געווען אַ קנויל, אַ בלאָנדער, שווער און האַרט, –
און היַינט מיט־אײַנמאָל גלאַנציג, גלאַט און צאַרט!

געווען אַ פּלאָנטער, קורץ, געדיכט און ווילד, –
און היַינט צעפּלאָסען ביז צום קנעכעל מילד,

און היַינט ווי גאָלד צעשמאָלצען און צעגליהט –
די האָר, וואָס האָבען אויף דײַן האַרץ גערוהט

# אויף שוואָמען.

אַ גאָלד'נער טאָג אין מיטען וואָך –
און וואָס-זשע ברויכען מיידלעך נאָך?
מען געדהט „אויף שוואָמען" קויש ביי קויש;
אַ ראָזע אֵשֶׁת-חַיִל-רויש
ליגט אויפ'ן מיידעלשען געזיכט...
מען זינגט פון פרייד און זונען-ליכט,
מען רופט-צונויף זיך, זאַמעלט, צעהלט,
דעם פריץ'ס וואַלד ווערט אייַנגעטיילט:
מען ווערטעלט זיך, מען שטימט זיך אָב,
אַ נַחלה אויף אַ מיידעל-קאָפּ,
אַ נַחלה וועלדער-אייַנזאַמקייַט...
מען קלויבט צעשפּליטערט און צעזייט.
אַ וואַלד מְכַלוּמֶר'שט לער און שטיל –
און דאָך האַרצקלאַפּענדיג און פול!

אויף שטילע סטעזשקעס ציטערט ליכט,
און איינע קלויבט, און קלאָגט, און זוכט:
„גיב, וואַלד, מיר אַ פערסמ'טען שוואַם,
אין האַרצען גאַרט אַ פלאַמיג ים,
ער האָט געזאָגט, געקושט די האָר:
—„איך געה, נאָר כ'קום דאָך פונקט צום יאָהר!"—
און היינט לויפט־אָב דער לעצטער טאָג!
אָ, שטאַרבען אויף דער אונטער־לאָג
פון גרינע וועלדער! אָך, די פיין...
ער האָט געדאַרפט שוין דאָ צו זיין"...
און פלאַטערדיג פידהלט ס'יונגע האַרץ
רחמנות אויף זיין אייג'נעם שמאַרץ,
און סאָסנעס רוישען שטילערהייד...

און אָפּשר, אָפּשר איז נאָך צײַט?
און קומען וועט ער?... אָפּשר גאָר
איז הײַער גראָד אַן „עיבור־יאָהר"?

## בריוועלעך.

כ'האָב דיר געשיקט אַ בריוועלע,
אַז ס'איז מיר שלעכט און באַנג;
דײַן ענטפֿער האָב איך אָפּגעוואַרט
חדשים — לאַנג.

צום סוף קומט־אָן דײַן בריוועלע,
דו שרײַבסט... דו שרײַבסט, אַז ד'האָסט
בעצאָהלט אַ דאָפּעל־מאַרקע,
אַ שטראָף פֿון פּאָסט!...

# דאָס בעגעניש.

געהסטו שטאָלץ דורך ברײַטע גאַסען,
שטעלסטו דאָך מיך אָב,
קוקסטו, רופסטו אויס פער'חידוש'ט:
„גרוי דער מײַדעל־קאָפּ!"

—„נאַר דו אײנער! אויף אַ טָעות
האָסט זיך אָבגעשטעלט:
כ'האָב געבאַקען בולקעס, חלות —
ס'צעפּעל אײַנגעמעהלט!

נאַר דו אײַנער! כ'בין אַ שוואַרצע,
ראָבען־שוואַרץ בין איך...
כ'האָב געפליקט פיל גענז און הינער
אײַנגעפעדערט זיך!

כ'האָב, זיי וויסען, מיין בעשערטען
כּל־טוב אָנגעגרייט –
(לאַך איך דיר אַריין אין פּנים
מיט אַ וויסטער פרייד) –

אוי, דער יום־טוב ס'אַר אַ גרויסער!
אוי, די געסט אָהן צאָהל!
טייער, זאָג איך דיר, געוועזען
איז דאָס חתן־מאָל!"...

* * *

איינס נאָר מוז איך דיר פערשווייגען:
אַך, מיין האַרצענס־פּיין,
וואָס נישט דו, נישט דו געוועזען
ביסט דער חתן מיין!

## דער טשאָלענט־גאַנג.

שערענגעס פולע, ברייט און לאַנג,
עס געהט, עס געהט דער טשאָלענט־גאַנג,–
אַ וואַרע מאַכט! די כּלה ברידהט!
נאָך אין דער לעצטער רגע גלידהט
צום טשאָלענט־מלאך אַ געבעט...
געהילט אין דיקע פאַרע געדהט
אַ חיל דיניצעס און טעפּ.
דער בעקער גאַפט נאָך פון דער טרעפּ:
דאָס האָט זיין אויווען זיך גערידהרט
און אויפ׳ן וועג אַרויסשפּאַצירט;
דאָס האָט פערלאָזט זיין טונקלען גרוב
דער אויווען פון דער בעקער־שטוב!
און די, וואָס טראָגען – ס׳קלאַפּט זיי ס׳האַרץ,
צי איז די קאַשע נאָר נישט שוואַרץ...

בכלל דאָך אָטעמט טיף די לונג
מיט פרייד און גוטער האָפענונג.
נאָר ביילקע'ן כאַפּט ביים האַרץ אַ קראַמף:
זי זעהט, זי זעהט, כאָטש ז'געהט אין דאַמף!
אוי וועה, אוי וועה, וואָס ס'אויג אַלץ זעהט...
דאָרט מיט אַ צווייטער יאָסעל געהט...
דאָרט-דאָרט, ביים סעדעל, שפּרייזען צוויי...
אוי, שלעכט איז איהר – און גוט איז זיי!...
און ביילקע פּרעסט די הייסע שטאַרן
צום קלעמענדיגען בוזעם-שמאַרץ,
קרעכצט-אונטער, פול מיט וועה, צעמישט, –
צי איז דען ס'האַרץ קיין אבער נישט?...

## ביינאכט.

געהסטו אויף א נאכט־שפאציר,
געהסט דיר דיינע וועגען, —
הייסטו תיכף הינטער דיר
ס'קייטעלע פערלעגען...

וואך איך איינזאם, טויב־פערמאכט,
אויף דער טיר א קייטעל;
שרעק איך איינע זיך ביינאכט,
כ'קריג א „גענזוען־הייטעל".

קיינמאל זיך נישט עקענדיג
נעהמט דער חושך פליסען,
מיט מיין מורא שרעקענדיג
זיך צוזאמענגיסען...

בלײַב איך אײנע מיט די ווענד, –
אוי, ווי לאַנג צום מאָרגען!
האָב איך צווישען הוילע הענד
מײַן געשלאָכץ פערבאָרגען.

ווערט אַמאָל נאָך ליכטיג זײַן,
הײס אַ זון זיך רויטלען, –
וועל איך דאַן פאַר דיר אַלײן
ס'טירעל מײַנס פערקײטלען!...

## דאָס ליד פון קוימען-קעהרער.

או-הו-הו... אַ ווינד אין קוימען...
כ'הער אַ טרויעריג געמיט...
כ'הער אַ שוואַרצען, לאַנג שוין טויטען,
קוימען-קעהרערס ליבעס-ליד...

נישט געוואוסט פון גליק צו זינגען,
נישט געוואוסט אַ חוץ נאָר איינס:
שוואַרץ די הענד און שוואַרץ דאָס פּנים, –
ס'איז פערשוואַרצט דאָס לעבען זיינס!

נאָר קוים רידהרען זיך דאָרט אויבען
שוואַרצע קוימען-קעהרער-הענד, –
האָט ביי איהר זיך נישט געהויכערט,
האָט ס'קאַנאָנדעל וואויל געברענט!

אײַנגעליבט זיך אין דעם מײדעל,
אײַנגעליבט זיך ביטער, הײס, –
זי איז יאָ געווען אַ קלאָרע,
זי איז יאָ געוועזן ווײַס!

אוי! זי עקט זיך שיער פון פּחד
פאַר זײַן פינסטערער געשטאַלט...
טרויריג גערעדט אַ גרוס פון קוימען,
ווען דער צוג־ווינד האָט געשאַלט...

או־הו־הו! ווי ר׳האָט גערודערט,
או־הו־הו! ווי ר׳האָט געליאַרעמט, –
זי האָט אונטען טרויריג־שויריג
בײַם קאַנאָנדעל זיך געוואַרימט...

## אַ בריוועל.

שוין צײַט מיר אָבצופּאַהרען —
גענוג זיך דאָ געגאַרט:
קײן אויגען־קוק קײן הײסען
פון דיר זיך נישט דערוואַרט:

געשפּאַנט איז שוין דאָס פּודערעל...
כ'הער טריט פון דײַנע פיס...
דו גיסט מיר־מיט אַ בריוועל;
דו גיסט מיר־מיט אַ גריס —

און פליסטערסט פון אַ שטעדטעל,
אָהן רעלס, אָהן באַהן, אָהן פּאָסט,
וואו ס'וואוינט דײַן אויסדערוועהלטע
פערגאַײַנזאַמט און פערלאָזט

די אײנציגע דורך גאָט דיר
פון־אַנהויב־אָן בעשערט...
מײַן זעל, וואָס האָט געליבט דיך,
האָט עלענד, שטיל געטרעהרט.

איך פאָהר פאַרבײַ אַ גאָרטען,
אַנ'אַקער, אַ שאָסײ,
דורך וואַסער און דורך בריקען
פאָהרט ס'בײַדעל מײַנס פאַרבײַ.

איצט קאָן איך איהם דערטרינקען,
דײַן הײסען ליבעס־בריוו...
אַ קשיא אויף אַ מעשה –
אַ זומפּ, אַ וואַסער־ריוו!...

איצט קאָן איך אידהם פערברענען
דאָ, אין דער ווייטער וועלט, –
און קנאַקען וועט דאָס פייער,
און שווייגען וועט דאָס פעלד...

איך כאַפּ־זיך־צו צום בריוועל
און כ'שטופּ אוועק עס שנעל –
און ס'טונקעלט פאַר די אויגען,
און ס'ווערט מיר בלענדיג־העל...

עס געדהט, עס פלייצט פון בריוועל
אַ ווייסער כישוף־גלאַנץ:
פון פייער און פון וואַסער
אַרויסגעדהן וועט עס גאַנץ!

### צווישן דעמערן, צווישן טאָגן...

צו דײַן ליבסטער, צאַרטער, קלענסטער
קלאַפּסטו שטיל צאַרײַן אין פֿענסטער,
דו, געליבטער... טויטער... שענסטער...

צווישן דעמערן, צווישן טאָגן
נעמסטו צו דײַן גרוב מיך טראָגן, –
ווילסט איך זאָל דיך, מת, פֿאַרקלאָגן...

דאַן ערוואַכט אַ שטומער שויער
אונטער דער בית־עולם־מויער,
אַז מצבֿות ווערן גרויער!

צווישן דעמערן, צווישן טאָגן
נעמסטו צו דײַן גרוב מיך טראָגן, –
ווילסט איך זאָל דיך, מת, פֿאַרקלאָגן...

זאָג איך אויס דײַן זינד... דער רוים, ער
חזרט זי פאַר גרעזער, בוימער,
פאַר דעם בית-הקברות-שומר...

ווערט דיר לײַכט דער פון, וואָס כ'נעהם עס
דאָרט דײַן אָנדענק און פערשעם עס —
אויף אַ טויטער וויל דעם אמת!

# אַ היימיש בריוועל.

ווינטער איז געווען אין דרויסען...
אין דער קיך איז הייס;
כ'זיץ און כ'שרייב איד־הר פאָר, דער קעכין,
אַ אָלף־בית.

„ווערסט נאָך, גלויב מיר, אַלץ בענקען,
— טרייסט איך בריינע'ן ווייך —
ווערסט נאָך זיין אַ מענש מיט מענשען
לייטען גלייך".

* * *

ווינטער איז אויך היינט אין דרויסען,
ס'קנאַקט אין גאַס דער פראָסט;
העלע גלעקלעך הער איך קלינגען, —
ס'פאָהרט די פאָסט.

ווײַט פֿערזאָגט פֿון נעסט פֿון וואַרעמען,
אין אַ פֿרעמדען הויז,
גאַר אײך צו אַ היימיש ברייועל, –
כאָטש אַנ׳אות!

זײַן אײך אין דער פֿרעמד אַ שטילע,
אין געדאַנקען טיף,
אַ פֿערבענקטע, אַ פֿערלאָזטע, —
קומט אַ בריף!...

ברײַנע איז, צו מזל, כּלה,
בעל־הבית׳יש פֿײַן, –
און געחתמ׳עט אויף די תּנאָים
זײך אַליין!

אויסגעטאָקט דעם גאַנצען נאָמען, —
ווער איהם זעהט, דער קוועלט!
וואונדער שענס דערפאַר בעקומען
ח ת י מ ה ־ ג ע ל ט !...

# די מאַמע.

גאָר אַ טײַער קלײדעלע
האָט די מאַמע מיר געמאַכט, —
כ'זעה אַ לײַטיש מײדעלע
אין דעם נײַעם קלײדעל אויס.

מיט אַ ליבער מוטער־פרײד
האָט זי זיך צעווינשעוועט:
— „טראָג־זשע ס'מיר געזונטערהײד,
אָבער שוינען שוין עס אָב!

און ווען וואו אין קלײד, בײַם ראַנד,
טרעפען זיך אַ גוואַלדען־ריס, —
מיט אַ פלינקער מײדעל־האַנד
זאָלסטו באַלד פערוועבען עס".

כ'בין געזונד פון קאָפּ ביז פיס,
מאַמע! ס'קלייד איז אויך נאָך ניי;
נאָר נאָך דיר דער קריעה־ריס
טאָר שוין צ'ריק נישט ווערן גאַנץ!

## ערב-פּסח.

דער ערב-פּסח קלאַפּט אין טיר –
אוי, שלעכט איז מיר! אוי, שלעכט איז מיר!
אוי, שווער איז, גאָטעניו, מיר, שווער:
פון האַרץ צום אויג קומט-אָן אַ טרער,
די טרער איז שטיל, די טרער איז צאַרט,
און דאָס געזינדעל – דרייסט, פאַרשאַרט,
און פרעגן, לאַכן וועט נאָך ווער! –
און ז'איז שוין דאָ, זי קומט, די טרער!

דער ערב-פּסח קלאַפּט אין טיר, –
אוי, וואויל איז מיר, אוי, וואויל איז מיר:
כאַפּ, מיידעל, ס'קעפּעל האַרבען כריין –
און רייב, און וויין! און רייב, און וויין!

## מַזכּיר נשָמות.

אוי, ווי ענג אין שוהלכעל,
אוי, ווי'אַ גרויס געדראַנג,
און בײַ מיר אין האַרצען
אַזוי שווער און באַנג...

אַ געגל־יווערט וועהטאָג,
אַזאַ טיפּע פּײַן,
כ'וויל איך, טאַטע־מאַמע,
איצטער מַזכּיר־זײַן.

אויפ'ן אָרט דעם גוטען
ליגט איהר פּרײַ פון פּלאָג, –
כ'וועל איך קומען בעטען
אויף מײַן חופּה־טאָג...

יעדער וועט זיך רעש'ען,
נאָר נישט, עלטערן, אידהר!
אַנ'אֵל מָלֵא רַחמִים
וועט מען זינגען מיר...

פרעמדע וועלען וויינען
ביים בעזינגען, אוי...
אייערע קבָרים נעצען
וועט דער אָוונד־טוי...

אייערע קבָרים דריקען
וועט אַ גרויער שטיין –
כ'טהו איך צווישען אידען
איצטער מַזכּיר־זיין.